ב"ה

# לקט שיחות

## משנת תשל"ו

### אודות מבצע חינוך והי"ב פסוקים ומאמרי חז"ל

CELEBRATING 50 YEARS

12

PESUKIM
CAMPAIGN

# לקט שיחות

**משנת תשל"ו**

אודות מבצע חינוך והי"ב פסוקים
ומאמרי חז"ל

CELEBRATING 50 YEARS
PESUKIM
CAMPAIGN

**יוצא לאור ע"י**
משרד הי"ב פסוקים שע"י צבאות ה'

**ראש המערכת**
חיים פיקארסקי

**מערכת**
זלמן הרץ, אלי טייר ויוסף שיינר

**עימוד**
זלמי וילהלם

# פתח דבר

בקשר עם חמישים שנה (ה'תשל"ו-ה'תשפ"ו) לשנת החינוך, למבצע חינוך ולי"ב פסוקים ומאמרי חז"ל, מוצאים אנו לאור לקט השיחות בענין מבצע חינוך והי"ב פסוקים, כדי להקל על הלומד שיחות קודש אלו באופן נוחה ומסודר, ושיביא לידי מעשה בפועל.

ואנו תקוה שע"י כל השטורעם והעסק בזה, יוסיף ויגרום נחת רוח רב אל כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו, ויביא להתגלותו, ויולכינו לגאולה האמיתית והשלמה, תיכף ומיד ממש.

**משרד י"ב פסוקים, שע"י צבאות ה'**
כ' חשון, ה'תשפ"ו

# מפתח


## יסוד שנת החינוך ומבצע חינוך ....................... 5

משיחת שבת פרשת אחרי, מברכים החודש אייר, ה'תשל"ו. בלתי מוגה

- שנת החינוך
- חינוך לכל סוגי הילדים
- חינוך גם בנוגע לקטנים בידיעות
- מעלת הפעולה על ילדים
- לא לחסוך בכסף
- נשים ואפילו קטנים

## השתתפות הילדים במבצע חינוך ..................... 9

משיחת יום ה' ליל אדר"ח אייר, ה'תשל"ו הנחה בלתי מוגה

- גודל כח הפעולה של עוללים ויונקים
- לשתף ילדים במבצע חינוך
- ילדים יכולים להשפיע כבר מגיל צעיר
- חינוך אמיתי הוא על משך כל המעל"ע

### יסוד הי"ב פסוקים

- גם ילדים קטנים יכולים להבין ענינים בתורה
- אפשר להחדיר ענינים בתורה גם בתינוקות ממש
- שהילדים ידעו ענינים בתורה בע"פ ויסבירו אותם גם לחבריהם

### תורה שבכתב

- **תורה צוה —** יוקר ענין התורה
- **שמע ישראל —** גם לילד קטן אפשר להסביר ענין ה' אחד
- גם אופן ההסברה לילד קטן הוא תורת אמת

### תורה שבע"פ

- **בכל דור ודור —** ענין יציאת מצרים
- השפעת הילדים אחד על השני ע"י הפסוקים
- **כל ישראל**
- הבכן של פסוקי שמע ישראל ובכל דור ודור
- הבכן של פסוק כל ישראל

### תניא

- **כי קרוב**
- **והנה**

### פעולת הילדים ע"י הפסוקים

- ע"י הפסוקים יהיה אצל הילדים ענין תורתו אומנתו
- מעין דלע"ל
- טבע הילדים לעשות הכל עם חיות
- זוהי השתתפות הילדים במבצע חינוך
- מפי עוללים ויונקים יסדת עוז

### המעשה הוא העיקר

- הדפסת הפסוקים בשפת המדינה ובצורה המובנת לילדים
- להוסיף מדי חודש עוד פסוקים וכו'

## התעוררות על השתתפות הילדים במבצע חינוך ........ 19

משיחות ב' אייר, תפארת שבתפארת, ה'תשל"ו, הנחה בלתי מוגה

- כל אחד ואחת יעשה בענין החינוך
- לשתף גם הילדים במבצע חינוך
- מעלת טבע הילדים בנוגע לחינוך אחרים
- נתינת פרסים לילדים המתעסקים בזה

## הוספת עוד ששה פסוקים ומאחז"ל .................. 22

משיחת תהלוכת ל"ג בעומר, ה'תשל"ו

- השליחות הזכות והאחריות של הילדים לחנך אחרים
- מעלת ידיעת הפסוקים בע"פ
- יש להוסיף עוד ששה פסוקים
- הפסוקים יאירו את החיים היום יומיים
- פסוקים שיש להם שייכות ישירה לחיי היום יום
- **בראשית** — הקב"ה הוא בעה"ב על העולם
- **ושננתם** — להיות חדור תמיד בדברי תורה
- **יגעתי** — לא להתפעל מקשיים
- **ואהבת**
- **וזה** — השליחות שלנו לעשות דירה בתחתונים
- **ישמח** — מילוי השליחות בשמחה
- י"ב הפסוקים יאירו את הדרך ויביאו שמחה וחיות

## תפקידן המיוחדת של נשים במבצע חינוך ............. 28

משיחת כינוס של אגודת נשי ובנות חב"ד, כ"ג אייר, ה'תשל"ו

- ע"י שינון הפסוקים הילדים חדורים בתורה

### חינוך מגיל צעיר ביותר

- תליית שיר המעלות
- לימוד תורה צוה כו'
- עי"ז נעשה 'להשבית אויב ומתנקם'

## מפי עוללים ויונקים יסדת עוז להשבית אויב ומתנקם . . 30

משיחת י"ג תמוז ה'תשל"ו

- להשבית אויב ומתנקם באופן שאין עוד מציאות של אויב
- העצה לזה היא 'מפי עוללים ויונקים יסדת עוז'
- צריך להיות גם ענין יוצאי צבא
- עיקר הפעולה והנצחון הם ע"י העוללים ויונקים
- מבצע תורה מיד כשהתינוק מתחיל לדבר
- עי"ז יהיה לא רק 'ללמוד' אלא גם 'ללמד'
- שהילד יהי' מחנך כשהוא עדיין עולל ויונק

### חוברות הי"ב פסוקים

- שיהיה מקום לכתוב לה' הארץ ומלואה ושמו

# יסוד שנת החינוך ומבצע חינוך

משיחת שבת פרשת אחרי, מברכים החודש אייר, ה'תשל"ו. בלתי מוגה

בהתוועדות זו הכריז רבינו על שנה זו כשנת החינוך. ויחד עם זה על מבצע חדש, מבצע חינוך. וענינו, שעל כל אחד מוטל החוב לוודא שכל יהודי בעולם, הן קטנים בידיעות, והן קטנים בשנים, יקבלו חינוך יהודי אמיתי.

## שנת החינוך

וואָס עפ"י מנהג המדינה - וכפי שיתבאר לקמן אַז דאָס האָט אַ מקור אין תורה - איז די כוונה בהנ"ל אז מ'איז מכריז אַז דער יאָר איז א שנה של חינוך, און מבצע חינוך, וואָס דאָס איז פארבונדן מיט דעם ענין פון "והגדת לבנך" - דער ענין החינוך, אז ס'זאל ניט בלייבן קיין איין בן אָדער בת וואָס דער ענין פון "והגדת" און "ושננתם" איז ניט נאָר צו אַ בן נאָר אויך צו אַ בת] וואָס וועלן ניט באַקומען א אידישער חינוך, און דאָס איז מען מכריז אַז דער יאָר איז די הדגשה אז מ'זאל זען אַז יעדער אידישער קינד זאָל באַקומען אַ חינוך עפ"י יהדות אמיתית.

## חינוך לכל סוגי הילדים

ח. וואָס דאס איז אויך וואס מ'איז מכריז אַז דער יאָר איז א שנה של חינוך, אז מה שעבר עבר, אָבער מכאן ולהבא דארף מען זען אַז יעדער אידישער קינד זאָל באַקומען אַ חינוך ווי ס'דארף זיין, איז יעדער רגע קען ער דאָך אַוועקשטעלן דעם ענין ווי ס'דארף זיין, און ווי ער שטעלט דאָס אַוועק, אַט אַזוי גייט דאָס ווייטער.

און דער ענין החינוך דארף זיין בנוגע צו אַלע ד' בנים, סיי דער חכם, סיי דער רשע, סיי דער תם, סיי דער שאינו יודע לשאול כנ"ל, און מ'זאגט זיי אַז אה"נ אַז עבדים היינו וכו', אָבער בשעת מ'וויל קען מען ארויסגיין לחירות אמיתית, דורך דעם וואָס מ'וועט לערנען תורה כדבעי, און מקיים זיין מצוות כדבעי, און נאָכמער וויפל מ'דארף - בהידור.

## חינוך גם בנוגע לקטנים בידיעות

און אַזוי ווי מפקחין על צרכי ציבור בשבת, בפרט אין ענינים וואָס זיינען נוגע צו חינוך, דארף מען מאַכן אַ טומל און א שטורעם אין דעם ענין פון חינוך הבנים והבנות, סיי די קטנים בשנים, און סיי די קטנים בידיעה וואָס זיי דארפן האָבן חינוך, און דאָס וואָס מ'קען טאָן בשבת, זאל מען טאָן גלייך שבת, און דאס וואס מען קען ניט טאן שבת זאל מען טאן נאָך שבת.

און מ'מיינט ניט סתם אז מ'זאל הערן אַ וואָרט, צי מ'וועט דאָס יע געדיינקען, אדער ניט, נאָר דאָס דאַרף אַראָפּקומען לפועל, ווי די משנה זאגט אין פרקי אבות פון היינטיקן שבת" "לא המדרש עיקר אלא המעשה".

און טאָן אין דערויף אין אַן אופן פון טומל דקדושה, או שטורעם דקדושה, און דילוג וקפיצה דקדושה, און א דילוג וקפיצה אין דעם דילוג וקפיצה גופא, וואָס דאָס פועל'ט דער שבת וואָס קומט נאך פסח, אַז דאָס איז אַ עלי' אין דעם דילוג וקפיצה גופא.

און וויפל מ'האט געטאָן אין דערויף ביז איצטער, און מ'האט מצליח געווען, קען אין דערויף זיין נאכמער הצלחה, און ס'דארף זיין מער הצלחה, און ס'וועט זיין נאכמער הצלחה, ביז אַ הצלחה רבה ומופלגה.

## מעלת הפעולה על ילדים

און דורך דעם וואָס מ'טוט אין דעם ענין פון חינוך בזמן הגלות, איז פונקט ווי דאָס איז געווען אין יצי"מ, אז מ'זאגט "הם הכירוהו תחילה", אז דוקא די קינדער וואָס זיינען געבאָרן געווארן בזמן הגלות, איז הם הכירוהו תחילה, און האָבן געזאגט "זה א-לי ואנוהו", און דאָס איז ניט געווען נאָר ביי זיי, נאָר דאָס האָט אויך גע'פועל'ט אַן עילוי אין משה ובנ"י ווי זיי זיינען געשטאנען בדרגתם איז ביי זיי געווען דער ענין פון יצי"מ

און דורך דעם שטעלט מען אויף צבאות הוי', און מ'גייט בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו", "קהל גדול ישובו הנה", און מ'גייט מקבל זיין פני משיח צדקנו.

און ער האָט דעם תענוג און דער זכות צו זיין פון די צבאות הוי', און מ'גייט כאמור בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו לקבל פני משיח צדקנו, בקרוב ממש.

* * *

## לא לחסוך בכסף

און מ'זאל טאָן אין דעם אין אַן אופן אַז מ'זאל ניט מוותר זיין אויף געוויסע ענינים דערפאר וואָס ס'איז ניטא קיין געלט (ווי ס'איז געווען אזוינע פאלן אז מ'האט זיך גערעכנט דערמיט, און דערפאר האָט געפעלט דער ענין אָדער דער ענין), דאַרף מען זיך ניט רעכענען מיט דעם ווארום "לי הכסף ולי הזהב", וועט דער אויבערשטער געבן געלט

וויפל מ'דארף האָבן.

* * *

## נשים ואפילו קטנים

האמור לעיל איז שייך לכל אחד ואחת, ווי מ'זאגט בנוגע צו דעם ענין פון יצי"מ "אף הן היו באותו הנס", וואָס דערפאר איז דאָך דער דין אַז זיי זיינען אויך מחויב אין די מצוות פון פסח, און ניט נאָר אַז דאָס האָט אַ שייכות צו זיי, נאָר נאָכמער, ווי מ'זאגט" אז בזכות נשים צדקניות שבאותו הדור נגאלו אבותינו ממצרים, אז די נשים האָבן מחזק געווען די אנשים אז מ'דארף אויפשטעלן צבאות ה', וואָס די אנשים האָבן גע'טענה'ט אַז מ'דארף ניט, ווי ער דערציילט אין מדרש", און די נשים האָבן זיי מחזק געווען, און דורך דעם איז געקומען די גאולה.

און ווי דער מדרשי דערציילט אַז עמרם האט געהאלטן אַז מ'דארף ניט אויפשטעלן צבאות ה' מצד גזירת פרעה, און ס'איז געקומען מרים - אַ קליינע מיידעלע, וואָס זי איז דאָך דעמולט געווען אַ סאַך יאָרן פֿאַר בת מצוה, זי איז געווען אינגאנצן פינף יאָר", און נאָך וויינקער, ווייל פינף יאָר איז זי געווען ווען משה איז געבאָרן געוואָרן], און זי האט אים געזאגט אַ שארפן אויסשפראך אז זיין גזירה איז נאך גרעסער פון גזירת פרעה, וואָס זי איז דאָך געווען מחויב אין כיבוד אב, און זי האט זיכער מקיים געווען כיבוד אב, אעפ"כ האט זי געזאגט אין אַזאַ שארפן אויסשפראַך, וואָס דאָס דאַרף גאָר האָבן אַ ביאור ווי האָט זי דאָס געקענט זאָגן, ס'איז דאָך דא די מצוה פון כיבוד אב.

וואָס לכאו' איז דאָך ניט פארשטאנדיק צוליב וואָס דערציילט דאָס די תורה, די תורה וויל דען דערציילן אז ביי עמרם האט געפעלט הדרכה?

נאָר אין דערויף איז דא א הוראה, אז ס'קען אַמאָל זיין אַז ס'קומט אַ קליינע מיידעלע וואָס זי איז מכוין ווי די זאַך איז, און זי זאָגט דאָס צו דעם גדול הדור, און ער הערט זיך צו צו דעם וואס זיי זאגט, ע"ד ווי ס'איז געווען דאָ, אז עמרם איז געווען דער גדול הדור, און ווי ער זאָגט אין מדרש" אַז ער האָט מוסיף געווען מצוות - די מצוה פון קידושין, און ס'איז געווען נאָך גדולי ישראל, ווארום מימיהן של אבותינו לא פרשה ישיבה מהם אפי' אין מצרים", אעפ"כ איז דוקא א קליינע מיידעלע האט גע'פועל'ט דעם ענין.

וואָס זי האט גע'טענה'ט אַז מ'דארף ניט מאכן קיינע חשבונות, וויבאלד אז ס'איז דא דער ציווי "פרו ורבו ומלאו את הארץ", דאַרף מען דאָס טאָן אָן קיינע חשבונות, און וויבאלד אַז זי האָט געהאלטן אזוי, איז זי ניט נתפעל געוואָרן, און געקומען מען און גע'טענה'ט צו צו עמרם, און זי האָט טאקע מכוין געווען, און עמרם האָט געהערט וואָס זי זאָגט און האָט אַזו אזוי געטאָן.

וואָס דאס איז די הוראה דערפון, אז ס'קען אַמאָל זיין אַז אַ קליינע מיידעלע זאָל מכוין זיין אל האמת, ביז אַז זי פועל'ט אַז דער גדול הדור הערט זיך צו צו דעם וואָס זי זאָגט.

און דורך דעם איז נולד מושיען של ישראל, און גלייך - נאָך אין גלות - איז בטל געוואָרן גזירת פרעה, ווי ער זאָגט אין מדרש" אז די חרטומים האָבן געזאָגט אַז מ'קען שוין מבטל זיין די גזירה. און דערנאָך האט ער מושיע געווען ניט נאָר איר אַליין, ניט נאר זיינע עלטערן, ניט נאָר זיין משפחה, נאָר מושיען של ישראל - אלע אידן.

# השתתפות הילדים במבצע חינוך

משיחת יום ה' ליל אדר"ח אייר, ה'תשל"ו הנחה בלתי מוגה

בהתוועדות זו, כמה ימים אחרי ההתוועדות הקודמת, היו כל השיחות אודות המבצע החדש, מבצע חינוך. כעת הכריז רבינו על עניין נוסף, שגם הילדים הם חלק עיקרי במבצע, וגם הם יכולים וצריכים לחנך אחרים. ולצורך זה הכריז רבינו על ששת הפסוקים ומאחז"ל הראשונים, שהילדים ילמדו אותם וידעו אותם היטב, וגם יפנימו את ענינם בחייהם הפרטיים. וכך יוכלו לחנך את עצמם ואת חבריהם בענינים בתורה שהם יודעים. ונתן בזה רבינו עוד כמה הוראות מפורטות.

## גודל כח הפעולה של עוללים ויונקים

**ווי גערעדט כמ"פ איז איינע פון די בעסטע עצות אויף מכריע זיין עצמו וכל העולם כולו לכף זכות", איז דאָס דורך דעם ענין פון "מפי עוללים ויונקים יסדת עוז גו'" (וואָס דעמולט ווערט דער) "להשבית אויב ומתנקם", אז מ'איז אים משבית ווען ער שטייט נאָך אין אַן אופן פון בכח, פאר דעם וואָס ער ווערט עפעס וואָס א מציאות.**

## לשתף ילדים במבצע חינוך

**וואָס דערפאר איז אויך דאָ די הצעה אז מ'זאל משתף זיין אין די מבצעים - ובמיוחד אין דעם מבצע חינוך - אויך עוללים ויונקים, און אט דעמולט וועט זיין דער להשבית אויב ומתנקם בתכלית השלימות, און אַ שעה אחת קודם וכו', מיט אַלע מעלות וואָס איז דא אין דעם.**

**וואָס מ'קען דאָס מסביר זיין, בדוגמא ווי ס'האט זיך גערעדט וועגן נרות שבת קודש, אז גלייך ווי א אידישע מיידעלע פארשטייט דעם ענין פון הדלקת הנר און דעם ענין פון שבת, איז א ענין גדול ביותר, זי זאָל אָנצינדן בער"ש די נרות שבת קודש, עד"ז נרות יו"ט, ביז אַז זי מאַכט אויף דעם אַ ברכה בשם ומלכות, און געבן צדקה לפנ"ז וכו'.**

## ילדים יכולים להשפיע כבר מגיל צעיר

עד"ז איז אויך דאָ פאַראַן די מעגלעכקייט - וועו מ'וועט זיך אין דערויף משתדל זיין אפי' אין א השתדלות קלה - אויף מצרף זיין קטנים וקטנות בישראל אין דעם ענין פון מבצע חינוך, ד.ה. אז גלייך ווי זיי זיינען באים לכלל פון עפעס האָבן הבנה והשגה אין אַ ענין פון אידישקייט, קענען זיי שוין טאָן אין דעם ענין פון חינוך, וואָרום ס'איז דאָך בטבע פון קינדער אַז זיי זיינען זיך מתרועע (זיי חבר'ן זיך) מיט קינדער כגילו, אָדער אפי' אביסעלע עלטער אַדער אביסעלע אינגער, קען מען מסביר זיין - סיי א קליינעם אינגעלע סיי אַ קליינע מיידעלע - אַז זיי זאלן משפיע זיין אויף אַ חבר צי א חבר'טע מיט וועלכע ער טרעפט זיך, אדער בבית הספר אָדער בבית, אָדער אפי' ברחוב, אין די ענינים פון תורה ומצוותי', און ענינים פון אידישקייט, צו וועלכע ער האט שוין א שייכות.

## חינוך אמיתי הוא על משך כל המעל"ע

אנהויבנדיק פון חינוך פון זיך אליין אַז דאָס זאָל זיין בתמידיות, וואָרום דער ענין החינוך איז דאָך נוגע ניט נאָר צו שעות קבועות ביום, נאר דער אמת'ער חינוך איז אַז ער איז מחנך זיינע קינדער אויך באכילתם ובשתייתם און ווי זיי זאלן שלאפן וכו', ווי מ'זעט דאס בפשטות ביי מחנכים אמיתים אז זיי איז נוגע ניט נאָר אַז דער קינד - דער תלמיד אָדער תלמידה - זאָל האָבן אַ סאַך ידיעות, און ידיעות כדבעי, נאָר ער איז זיי מחנך אויך אין הנהגה, ביז אַ חינוך ווי אזוי ס'זאל זיין זייער הנהגה באכילתם ושינתם וטיולם, און די אלע ענינים וואָס דער רמב"ם רעכנט זיי אויס אין הל' דעותי בנוגע צו אַ חכם, און בהתבוננות קלה כאַפּט מען זיך אַז די פרטים הנ"ל זיינען נוגע צו חינוך פון אַ בן קטן פון אַ בת קטנה, ווי נאָר זיי האָבן עפּעס אַ שייכות צו חינוך באיזה ענין שיהי'. ד.ה. אַז אַן אמת'ער מחנך איז נוגע ווי אזוי זיין קינד - אַדער "לבניך אלו התלמידים" והתלמידות - פירט זיך אין יעדער רגע פון דעם גאנצן מעל"ע.

## יסוד הי"ב פסוקים

### גם ילדים קטנים יכולים להבין ענינים בתורה

אנהויבנדיק פון דעם ענין פון תורה, וואס זי איז חיינו ואורך ימינו", איז דאָך דאַס פּאַראַןאויך ביי אַ קטן וקטנה שבבני ובנות ישראל, וואָס מ'קען מסביר זיין יעדן קינד, אפי' אַ קטן שבקטנים, אַן ענין פון תורה שבכתב, אַן ענין פון תורה שבעל פה, ביז אַ הלכה אין שו"ע, און ניט אז דאָס איז אַן ענין וואָס "איתתא בהדי שותא פלכא", וואָרום ס'רעדט זיך דאָך וועגן אַן ענין פון חסידות, אַן ענין פון תניא, יעדערן לפי ערכו, אָבער עס קען זיין אין דערויף אַ הבנה והשגה אפי' פּאַר אַ פיצל קינד בשנים, און בפרט כידוע דער מאמר פון כ"ק מו"ח אדמו"ר" אז אפי' אַן ענין וואָס דער נפש למטה פארשטייט דאָס ניט, איז בשעת ער איז עולה לתורה (וואָס דעמולט אין די שיחה האָט

זיך גערעדט וועגן עלי' לתורה), איז דער רוח זיינער עולה אין עולם היצירה וכו', ביז אז זיין יחידה איז עולה אין עולמות הא"ס, און דארטן פארשטייען זיי וואָס איז די עלי' און וואָס דערגרייכן זיי וכו'. און עד"ז איז אויך בנדו"ד בנוגע צו קטנים וקטנות.

## אפשר להחדיר ענינים בתורה גם בתינוקות ממש

בפרט נאָך ווי מ'האט מודה געווען (כאילו ווי מ'האט דאָס אויסגעפינען) לאחרונה, אז ס'איז נוגע דער רושם (דער איינדרוק) פון א קינד גלייך ווי ער ווערט געבוירן, און דאס האָט אַ השפעה "גם כי יזקין", וואָס דאָס איז די לעצטע ערפינדונג פון איצטיקע דאָקטורים, וואָס אין תורת ישראל און מנהג ישראל איז דאָס פֿאַראַן פון גאָר אַמאָל. ווי דער מנהג" איז אַז אַ קינד גלייך ווי ער ווערט געבוירען, קלעפּט מען און מ'לייגט אוועק אַ שיר המעלות לעבן קינד. ועד"ז איז דער מנהג (ווי דער לשון איז מנהג)** נשים זקנות בישראל און צעירות בישראל מדורי דורות, אז מ'פלעגט פארוויגען אַ קליין אידיש קינד, גלייך ווי ער ווערט געבוירען מיט אַ שיר געגועים, אז די בעסטע סחורה איז דאס תורה", דערפאר וואָס ווי מ'פירט זיך מיט אים גלייך ווי ער ווערט געבאָרן, איז דאס נוגע אויך צו - כי יזקין.

און ווי מ'איז מפרש די משנה אין אבות" "רבי יהושע בן חנניא אשרי יולדתו", אז גלייך ווי ער איז געבאָרן געוואָרן האָט זיין מוטער געפירט זיין וויגעלע (עריסתו), אין וועלכע ער האָט זיך געפונען, אין בתי כנסיות און בתי מדרשות", און דאָס האָט גע'פועל'ט אַז ער איז אויסגעוואקסן אין אַזאַ אופן האדם, און מ'זאגט אויף אים אשרי יולדתו, אַז דאָס אַלעס קומט פון דעם אופן החינוך וואָס ער האָט געקראָגן בשעת ער איז נאָך געלעגן אין וויגעלע. עאכו"כ אַז דא רעדט זיך וועגן קינדער וואָס האָבן שוין אַ שייכות צו חינוך און צו הבנה.

## שהילדים ידעו ענינים בתורה בע"פ ויסבירו אותם גם לחבריהם

וואָס בנוגע צו תורה שבכתב ווערט דאָך גלייך אַ שאלה אז "דברים שבכתב אי אתה רשאי לאומרן בע"פ"י", דארף מען אויסקלייבן אַזאַ ענין וואָס איז מותר לאומרו בע"פ, און פועל'ן ביים קינד אז בכל זמן פנוי ביום זאל ער דאָס זאָגן, אָדער דאָס איבערטראכטן, און ער זאָל דאס אויך מסביר זיין צו זיין חבר אָדער צו איר חבר'

# תורה שבכתב

## תורה צוה – יוקר ענין התורה

וואָס בנוגע אַן ענין פון תורה שבכתב זאָגט מען דאָך"" "כשהתינוק מתחיל לדבר אביו מלמדו תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב", וואָס נאָך גאָר אַ קליינעם קינד קען מען אים מסביר זיין אַז אַזוי ווי ער האט די טייערקייט צו זיינע צעצועים (צו זיינע צאצקעס), ועד"ז צו כמה ענינים וועלכע ער האט חשק, קען מען אים מסביר זיין דעם

יוקר הענין פון תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב - דעם כללות ענין התורה.

## שמע ישראל – גם לילד קטן אפשר להסביר ענין ה׳ אחד

עד״ז איז אויך דאַ דער פסוק פון ״שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד״, וואָס דאָס קען מען אויך מסביר זיין גאָר אַ פּיצל קינד, ובפרט דאָך אַז בלאה״כ דארף מען דאָך איינפירן מיט קינדער זיי זאָלן זאָגן עכ״פ דעם פסוק (אנהויבנדיק וואָס פריער מ׳קען), סיי ביום סיי בלילה, וכאמור אַז מ׳קען דאָס זיי מסביר זיין לפי הבנתם ולפי סגנונם, וויבאלד אַז ער זעט שוין שמים וארץ און ד׳ רוחות העולם לפי הבנתו והשגתו, קען מען אים אויך מסביר זיין דעם ענין פון ה׳ אלקינו ה׳ אחד, ביז ווי מ׳איז דאס מסביר צו אַ גדול בישראל, בלשון הגמ׳״ אז דער ח׳ איז דאס ז׳ רקיעים וארץ, און דער ד׳ איז ד׳ רוחות העולם, און דאָס אַלץ ווערט נמשך פון אלופו של עולם וואָס דאָס איז דער אלף, וואָס דאָס איז דער ר״ת פון דער וואָרט אחד, כמבואר אין ב״י״, און באריכות אין ספרי מוסר וחקירה און חסידות און קבלה וכו׳.

## גם אופן ההסברה לילד קטן הוא תורת אמת

וכמדובר כמ״פ אַז דאָס וואָס מ׳איז דאָס מסביר פֿאַר אַ תינוק קטן איז דאס ניט ח״ו ניט אמת, ווארום דאָס איז דאָך אַ הסברה פון תורת אמת, נאָר דאָס איז וואס מ׳איז אים מסביר און מ׳טוט דאָס אַן אין זיינע אותיות, ובלשון הגמ׳ דברה תורה כלשון בנ״א, און אין לשון בנ״א גופא, איז אויך דא דער דברה תורה בלשון קטנים, ווען מ׳דארף דאָס מסביר זיין צו קטנים, אָבער אין דערויף ליגט דער פי׳ הפנימי, ביז כאמור לעיל ווי מ׳איז דאָס מסביר ע״פ קבלה וע״פ חסידות וע״פ רמז וכל הפירושים ביז די ס״ר פירושים וואָס זיינען דא בכל ענין בתורה״*.

# תורה שבע״פ

## בכל דור ודור – ענין יציאת מצרים

וואָס עד״ז איז אויך דא בתושבע״פ כמה ענינים וואָס מ׳קען זיי מסביר זיין, אָדער אַן ענין מענינא דיומא וואָס דאָס איז דער ענין פון ״למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים״ -דעם ענין פון יציאת מצרים, וואָס דאס איז מען דאָך בלא״ה מחנך, סיי א בן חכם, סיי די אלע איבעריקע קינדער, אנהויבנדיק פון חמשה עשר בניסן, ביז וואַנעט אַז מ׳איז מעורר תינוקות אז זיי זאלן פרעגן שאלות, און ס׳ווערט דורך דערויף ״והגדת לבנך״, און דער ענין פון ״כנגד ארבעה בנים דברה תורה״, וואָס די הכנה פון יום חמשה עשר בניסן איז דאָך בכדי אַז מ׳זאל דערנאך ממשיך זיין מיט אָט דעם ענין, אויך אין זיין חינוך לאח״ז.

## השפעת הילדים אחד על השני ע"י הפסוקים

וכאמור אָפּרעדן מיט דעם קינד, וואָס יעדער קינד האָט בטבע אז ער חבר'ט זיך מיט נאָך קינדער, און ער וויל באווייזן אַז ער האָט אַן ענין וואָס ער קען מיט אים מושל ושולט זיין עליהם, קען מען דאָך אויסנוצן דעם ענין אין קדושה, אז ער זאָל מחנך זיין זיינע חברים אין דעם ענין פון תורה שבכתב, אָדער תורה שבע"פ, וואָס זיי ווייסן נאַך ניט, און דערנאָך מצד "קנאת סופרים תרבה חכמה", וועט דער צווייטער קינד אויך נתעורר ווערן, אַז אויף מאָרגן, זאל ער אים מסביר זיין, מחנך זיין, און לערנען אַן ענין וואָס ער האט זיך דערוואוסט, און דער חבר זיינער האַט נאַך ניט דערוויילע די ידיעה בזה.

## כל ישראל

וואָס דאָס איז ווי די ענינים זיינען בתורה שבע"פ, מעניינא דיומא, וואָס ס'הויבט זיך אָן פון והגדת לבנך, וכאמור אַלע קינדער מאיזה סוג שיהי' זיינען אין דערויף נכלל, עד"ז איז אויך דא דער ענין וואָס דער אַלטער רבי שרייבט אין סידור אז ס'איז אַ מנהג מ'זאל לערנען פרקי אבות במשך פון ספירת העומר (וואָס דאָס איז לכל המנהגים, מערניט אַז ס'איז דאָ אַזוינע וואָס לערנען דאָס במשך כל הקיץ), וואָס די הקדמה לכל פרק ופרק איז "כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא שנאמר ועמך כולם צדיקים לעולם ירשו ארץ נצר מטעי מעשה ידי להתפאר""*, וואָס דאָס קען מען דאָך אויך מסביר זיין יעדער קינד, אפי' גאָר אַ קליינער, ער זאָל וויסן אַז ער איז אַ נצר מטעי מעשה ידי להתפאר - פון דעם אויבערשטן, וואָס ווי גרויס ס'זאל ניט זיין זיין טאַטע הגשמי און זיין מוטער הגשמית כפשוטה, איז דאָך אבינו שבשמים שלא בערך גרעסער, און ער האט דעם זכות און דעם ענין וואָס ער איז "נצר מטעי מעשה ידי להתפאר", ביז אין אַן אופן אַז ער ווערט אַ נצחי - יש לו חלק בעוה"ב וואָס דאָס איז אַן עולם נצחי, וואָס דאָס איז אַ הסברה וואס מ'קען געבן צו פארשטיין אַ פיצל קינד משהגיע לכלל דעה ולכלל הבנה והסברה.

## הבכן של פסוקי שמע ישראל ובכל דור ודור

וואָס דערפון קומט אויך אַרויס דער בכן, בדוגמא ווי מ'זאגט דעם בכן פון שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, בשעת מ'איז דאָס מסביר אין אותיות און סגנון פון בן ובת קטנה באַקומט ער א ליבשאפט, אַן אהבת ה', אַזוי ווי דער ענין איז אויך ביי גדולים בישראל אַז דערפון קומט אַרויס דער ואהבת", עד"ז ביי דעם ענין פון יצי"מ אז מ'איז אים מסביר אז "אילו לא הוציא הקב"ה את אבותינו ממצרים הרי אנו משועבדים היינו", האט ער אין זיך דעם רגש אז ער וועט אַלס טאָן - בהנוגע לפועל - פאַר דעם וואָס האָט אים אַרויסגענומען פון מצרים.

## הבכן של פסוק כל ישראל

עד"ז אויך דאָס וואָס מ'איז אים מסביר דער ענין פון כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב, און מ'זאגט אים אַז אויב ער וועט זיך אויפפירן ווי ס'דארף צו זיין, אט דעמולט וועט ער זיצן מיט אלע גדולים בישראל לעולם הבא, משא"כ אויב ביי אים וועט עפעס פעלן בהנהגתו, וועט ער זיצן אַ פאַרשעמטער צווישן די אַנדערע קינדער, וואָס זיי האבן זיך אויפגעפירט ווי ס'דארף צו זיין, און דאָס איז ניט אַ ענין זמני, נאָר דאָס איז אַ ענין נצחי, איז דאָך פאַרשטאנדיק ווי אַזוי דאָס וועט ביים קינד מעורר זיין הנהגה טובה מתוך אהבה ומתוך חשק, סיי בנוגע צו תורה סיי בנוגע צו מצוות, און ענינים פון אידישקייט בכלל, כולל דעם ענין פון "כבד את אביך ואת אמך"

## תניא

### כי קרוב

ועד"ז אַן ענין אין תניא אנהויבנדיק פון דעם שער בלעטל (ווי דער רבי האט מסביר געווען אַז דאָס איז אויך פון אַלטן רבי'ן), וואָס ער זאַגט דאָרטן לבאר ווי אַזוי איז "קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו"י", און מען מיינט דאָס בפשטות, און ווי ער זאגט אין תניא"י אַז "התורה היא נצחית", אז דאָס איז דא בכל מקום ובכל זמן, און דאָס קען מען דאָך מסביר זיין אויך אַ פיצל קינד, אַז כאָטש אים ווילט זיך אַן ענין גשמי, אָדער אים ווילט זיך אַ צאַצקע, אדער אים ווילט זיך גיין שפילן וכו', זאל ער וויסן זיין אז קרוב הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו, ער דאַרף זיך נאָר אַריינטראכטן אין דעם יוקר פון דעם ענין פון אידישקייט און תורה ומצוותי'.

### והנה

עאכו"כ אויב מ'איז נאך דערצו מוסיף דאס וואָס ער זאָגט אין תניא אנהויב פרק מ"א, אז ביי יעדער אידן איז "והנה ה' נצב עליו"", און "בוחן כליות ולב אם עובדו כראוי", און בפרט נאָך לויט דעם פי' אין מדרש" אז נצב עליו איז בדוגמא פון אַ מרכבה - זאגט דאָך דא דער אַלטער רבי אַן ענין נפלא - אז יעדער איד אין וועלכן מעמד ומצב ער געפינט זיך ניט, דאַרף ער וויסן זיין, אַז דאָס וואָס דער אויבערשטער איז נצב - מל' "נצב מלך" - אין תכלית התקיפות והמלכות, איז דאס עליו, היינגט דאָס אַפּ און איז נשען אָן זיין הנהגה, לויט דעם לב שלו און כליות שלו - אם עובדו כראוי, וואָס דאָס קען מען דאָך אויך מסביר זיין אַ קליין קינד בשנים - וכאמור לעיל אז בנפשו בפנימיות, פארשטייט ער דאָס מיט אַלע פירושים ביז אין אופן הכי פנימי, אפי' ווי דאָס איז מלובש אין דעם שכל פון נפשו הבהמית, - און אפי' אז ער איז אַלט אינגאנצן אַ פאָר יאָר, קען מען אים דאָס אויך מסביר זיין, ע"י דוגמאות פון זיין פארשטאנד אין זיינע ענינים חומריים, עכ"פ פון זיינע ענינים גשמיים, כמבואר ומובן ופשוט פאר יעדערן וואָס וועט זיך אין דערויף מתבונן זיין.

ועאכו"כ פאַר אַ טאַטע מיט א מאמע וואָס זיי איז דאָך דער ענין נוגע אין אַן אופן נפשי, וועלן זיי דאָך זיכער דערגרונטעווען זיך ווי אזוי - לפי תכונות הנפש פון זייער קינד - קען מען דאָס צובריינגען צו אים בשלימות - לפי המצב שלו, ביז אין אַן אופן אַז דאָס וועט אויף אים האָבן אַ פעולה בהנהגתו היום יומית בדרכי נועם ומתוך אהבה.

## פעולת הילדים ע"י הפסוקים

### ע"י הפסוקים יהיה אצל הילדים ענין תורתו אומנתו

וואָס דעמולט קען מען אויפטאָן בנוגע צו קינדער, ביי זיי זאל זיין לפי הציור שלהם, אַ ענין נפלא פון תורתו אומנתו, אז "בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך", און ווען ער שפילט זיך מיט א חבר, דערמאנט ער זיך מיט אַמאַל אַ פסוק פון תורה שבכתב, א ענין פון תורה שבע"פ, אַ ענין פון תניא, וואָס ער פאַרשטייט דאָס אין זיינע - אַזוי גערופענע קינדערשע אותיות, וואָס אין דערויף איז אבער בהאלטן דער פנימיות ואמיתיות הפירוש פון די אלע שישים רבוא פירושים וואָס איז דא אויף יעדער ענין בתורה כמבואר בכתבי האריז"ל".

### מעין דלע"ל

און אט דעמולט ווערט "ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים", און ווי ער זאָגט אין ירמי' "לא ילמדו עוד איש את רעהו כי כולם ידעו אותי למקטנם ועד גדולם", אז די וואָס זיינען קטנים בפשטות, איז צו זיי אויך שייך ידעו אותי, ביז אפי' קטנים בשנים, בדוגמא ווי ער זאָגט אין זוהר"י אז קרוב לביאת המשיח אין סוף פון אלף השישי אנהויבנדיק פון שש מאות שנה, וועט דעמולט זיין "נבקעו כל מעינות תהום רבה וארובות השמים נפתחו" און דעמולט אפי' די תינוקות און רביי דעלמא - די תינוקות אין וועלט - וועלן האָבן אַ שייכות און וועלן זיך עוסק זיין מיט חכמה, און מיט פנימיות התורה, כמדובר בזוהר בארוכה, עאכו"כ אז דא רעדט זיך וועגן ענינים וואָס מ'קען זיי מסביר זיין א קינד, אַז דאָס זאל אים אינגאנצן דורכנעמען און דערנעמען, ביז וואַנעט ער וועט מיט דערויף לעבן, אז צווישן אין שפיל מיט א צווייטן שפיל, וועט ער זיך דערמאָנען פאַר זיך און מוסיף זיין בחינוך של עצמו, און דערמאָנען און מסביר זיין דאָס צו דעם חבר זיינעם, צי די חבר'טע.

### טבע הילדים לעשות הכל עם חיות

און טאָן דאָס אין אַן אופן פון חיות, ווי דער טבע פון אַ קינד איז אַז אין יעדער ענין וואָס ער טוט קאָכט ער זיך אין דעם, ביז וואַנעט אַז דאס ווערט אין א שטורעם פון מדות", וואָס דאָס האָט דאָך אין זיך אויך די מעלה וואָס דעמולט שטייט ער אין דערויף אָן אַ מדידה והגבלה, וואָס דעמולט איז דאס אין אַן אופן אַז גם כי יזקין לא יסור ממנה", אז ער איז שייך צו יציאה ממיצרים וגבולים, למעלה ממדידה והגבלה - כשיגדל.

## זוהי השתתפות הילדים במבצע חינוך

וכמדובר אז בשעת ער איז מחנך זיך און מחנך אויך אַ צווייטן, האָט ער אין דערויף דעם ענין פון זיין השתתפות אין מבצע חינוך, וואָס דאָס פועל'ט דעם ענין פון "מפי עוללים ויונקים יסדת עוז", וויבאלד אַז זייער עבודה איז דאך אין אַן אופן וואָס אין בו חטא, און אפי' ווען דאָס איז אַזוי ווי ער זאָגט אין תניא" מפני יראת הרצועה וכו', אָבער באמיתתו איז דאס בדוגמא ווי מ'זאגט ביי אַ גדול "כופין אותו עד שיאמר רוצה אני", וואָס דעמולט אַז ער טוט דאָס, טוט ער מיט אַן אמת, ווי תורת אמת איז מעיד אַז דאָס איז "לרצונכם", עאכו"כ ביי תינוקות של בית רבן "הבל שאין בו חטא", איז אפי' אז די התחלה הויבט זיך אן מפני יראת הרצועה, איז דערנאך בשעת ער טוט די מעשה בפועל, איז דאָך דא די מעשה בפועל - א מחשבה פון אַ קטן איז ניט תופס מקום אין הלכה, דיבור פון אַ קטן איז ניט אַלעמאָל תופס מקום בהלכה, אָבער אַ מעשה פון אַ קטן איז דאָס אַ מעשה, איז דאָך דא דער מעשה בפועל, און די כוונה זיינע, די יראה אָדער אהבה שלו איז ניט אַזויפיל נוגע, און עפ"י הלכה איז דאָס ניט תופס מקום, כמבואר בכ"מ108.

## מפי עוללים ויונקים יסדת עוז

און אט דעמולט ווערט "מפי עוללים ויונקים יסדת עוז", אָט דאָס ווערט דער יסוד פון "אין עוז אלא תורה", ביז צו עוז כפשוטו וואָס "ה' עוז לעמו יתן", אז אין אלע זייערע ענינים, ווערן אידן די "עזין שבאומות", אז מ'ווערט ניט נתפעל פאַר מאה ועשרים ושבע מדינות, דערפון וואָס "רגשו גויים ולאומים יהגו ריק", און זיי פירן אויס - זייענדיק טאקע נאָך אין גלות "מפוזר ומפורד בין העמים", איז דאָס אָבער אַן עם אחד, און ער איז אין אַן אופן פון ישנו, ער איז אַ מציאות חזקה, דערפאר וואָס "דתי המלך" בשר ודם "אינם עושים" דאָס איז ניט מתאים צו די דתות פון מלכו של עולם, פון מלך ממה"מ הקב"ה בכבודו ובעצמו.

און דעמולט ווערט דער "נפל פחד היהודים עליהם", "ושמעו הולך בכל המדינות", ווארום יעדער אידישער קינדער פועל'ט אויך אויף זיינע עלטערן אַז זיי זאָלן שטיין אין אַן אופן פון "לא יכרע ולא ישתחוה", "ולא קם ולא זע", און ס'ווערט דער ענין פון "ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר" כפשוטו וכפירושו, אין דעם מעמד ומצב פון די לעצטע טעג פון גלות, וואָס "אכתי עבדי דאחשוורוש אנן".

און דאס ברייינגט דעם "מסמך גאולה לגאולה", צו גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, גאולה ברוחניות אז "ישראל עושין תשובה", וגאולה כפשוטה והוא העיקר, די גאולה פון דעם חושך כפול ומכופל פון דעם גלות המר, און ס'ווערט דער "ובנ"י יוצאים ביד רמה", מקבל זיין פני משיח צדקנו, ויבנה ביהמ"ק במקומו, ויקבץ נדחי ישראלי", "והיתה לה' המלוכה" ובקרוב ממש.

# המעשה הוא העיקר

## הדפסת הפסוקים בשפת המדינה ובצורה המובנת לילדים

ווי געוועדט כמ"פ איז דאך המעשה הוא העיקר", און ווי דער לשון פון כ"ק מו"ח אדמו"ר"י אז מ'דארף אַרויסבאַקומען דעם בכן, איז די כוונה און דער תכלית און דער בכן פון המדובר לעיל, אזוי ווי ניט יעדערער איז מסוגל און קען אַראָפּברייינגען בכתב בלשון המדינה די ענינים וואָס מ'האט גערעדט פריער, זאָלן זיך צוזאַמענקלייבן אָט די וואָס זיינען מסוגל לזה, אין דער מדינה, און אַזוי אויך אין די מדינות וואו מ'הערט איצטער המדובר בזה, און די וואָס זיינען דערצו מסוגל זאלן אַראָפּברייינגען בכתב בשפת המדינה, אט די פסוקים מיט די מאמרי רז"ל, אדער אַנדערע פסוקים ומאמרי רז"ל, וואָס האָבן אין זיך אט דעם תוכן, מיט אט די תנאים. און דער עיקר דאָס וואס מ'קען מסביר זיין לפי הבנה והשגה פון קטנים וקטנות בשנים, און אנשרייבן דאָס בשפת המדינה, און מאַכן עטלעכע אפשריות, כדי עס זאָל זיין פון וואָס אויסצוקלייבן, לפי שינויי המקום והזמן, און דאָס פאנאנדערטיילן צו אט די אלע וואָס קענען טאָן אין חינוך.

וכמדובר לעיל, דערפון גופא וואָס מ'זאגט אַז יעדער נשמה האָט זיך איר אות אין תורה, און יעדער אות אין תורה האָט זיך איך ענין, איז דערפון גופא פארשטאנדיק אז אלע איבעריקע נשמות דארפן אנקומען צו אָט דער נשמה כדי צו באַקומען פון איך דעם חינוך און די השפעה וואָס קומט דורך אט דעם אות, וואָס דאָס איז ניטא אין די אלע איבעריקע אותיות פון שישים רבוא נש"י, איז וויבאלד אז מ'דארף צו איך אנקומען, איז דאָס גופא א הוכחה אז יעדערער האָט אין זיך אַן ענין וואָס ער קען מחנך זיין, ובמילא דאַרף ער מחנך זיין, וואָס דערפאר איז כאמור דארפן זיין עטלעכע תוכנים, עטלעכע סגנונים, אבער ס'זאל זיין בשפת המדינה כדי עס זאָל זיין לייכטער דאָס צו צוברייינגען צו די קינדער.

וואָס דאָס איז די נקודה בנוגע לפועל, אז מהנכון והטוב און ס'איז אַן ענין נחוץ ביותר וכו', אז מ'זאל אויסקלייבן אט די וואָס זיינען שייך דערצו, און ווי דער אַלטער רבי שרייבט אין הקדמה פון תניא בנוגע צו כל עניני קדושה, אז ס'זאל ניט זיין קיין שפלות של שקר, אַז ער זאָל פפּראַוּוען עניוות וכו', און זאגן מי אני ומה אני וכו', איז די ערשטע זאָך דאַרף ער טאָן, און דערנאך וועט אַ צווייטער מחליט זיין צי ס'איז געגוג, אָדער ס'דארף האָבן שיפור, אָדער מ'דארף האָבן בעסער וכו', אָבער ס'איז אַ זיכערע זאָך אַז יעדערער קען אין דערויף עפּעס טאָן, און דערנאך אט די וואָס זיינען שייכות דערצו - וכאמור לעיל איז יעדערער דערצו שייך – זאלן געפינען קינדער בשנים אָדער קינדער בידיעות וכו' - אנהויבנדיק פון זיך אליין - און מוסיף זיין אין זייער חינוך פי כמה וכמה, ביז אין אַן אופן פון דילוג וקפיצה כנ"ל.

## להוסיף מדי חודש עוד פסוקים וכו'

ועד"ז אויך בהנוגע צו אַ פסוק אין תורה שבכתב, אָדער אַ מאמר אין תורה שבע"פ, אָדער אַ ענין פון תניא און פון חסידות בכלל, אז ביי אים זאָל צוקומען יעדער חודש נאָך אַן ענין וואָס ער וועט אים געדיינקען בע"פ, וועט ער זיך קענען אין דערויף פאַרנעמען אפי' בלכתך בדרך ובשכבך ובקומך", עאכו"כ ווי דער אַלטער רבי איז מבאר אין לקו"ת פון היינטיקער סדרה129 אין והדרת פני זקן, אז מ'געדיינקט אן ענין בע"פ איז אפי' ווען ער איז זיך עוסק אין אַן אַנדער ענין, שטייט דאָס ביי אים בשלימותו אין זיין מוח הזכרון, כמבואר אין דעם מאמר, וואָס דערפֿאַר האבן דאָך רבותינו נשיאנו מפליא געווען דעם מאמר והדרת פני זקן, כמבואר בכמה שיחות"ני.

# התעוררות על השתתפות הילדים במבצע חינוך

משיחות ב' אייר, תפארת שבתפארת, ה'תשל"ו, הנחה בלתי מוגה

בהתוועדות זו, ההתוועדות השלישית בתוך שלושה ימים! (ההתוועדות השני' היתה בש"פ קדושים), היה שוב רובן ככולן של השיחות אודות מבצע חינוך. ושוב שם רבינו דגש מיוחד על השתתפות הילדים במבצע, וגם נתן בזה עוד כמה הוראות, ביניהם שיש ליתן פרסים לילדים בכדי שישתתפו וישפיעו על החברים שלהם.

## כל אחד ואחת יעשה בענין החינוך

וואָס דערפאר איז לסיכום פון דאָס וואָס מ'האט גערעדט וועגן דערויף כמ"פ, דארף מען דאָך זאָגן אַ נקודה בנוגע למעשה בפועל, אז מ'בעט יעדערן אַז ער זאָל טאָן כל התלוי בו, סיי אַ מאַן סיי אַ פרוי, סיי אַ קליינער סיי א גרויסער, אויף אריינציען וואָס מער אידן אין דעם ענין החינוך, און באוויַזן אַ לעבעדיקןביישפיל אַז ער איז זיך אליין אויך מחנך, ווארום וויפל ער זאָל נאָר וויסן אין תורה, און אין אידישקייט, אָבער וויבאלד אז תורה איז "ארוכה מארץ מדה ורחבה מיני ים"י" - אַן ענין פון בלי גבול, איז ווי גרויס ס'זאל נאָר זיין זיין השגה והבנה וידיעה איז דאָך דאָס אַלץ בגבול, און גבול לגבי בלי גבול, איז אפי' דער גרעסטער גבול איז לגמרי ניט תופס מקום לגבי בלי גבול, במילא איז ווי הויך ער זאָל נאָר שטיין, דאַרף זיך ערשט אנהויבן ביי אים דער חינוך אין אַן אופן פון דילוג וקפיצה - אין אַן אופן פון בלי גבול. און אויך אריינציען זיי אין דעם ענין פון "ואהבת לרעך כמוך", אין מחנך זיין מענטשן וואָס זיינען ארום אים, ביז קינדער כפשוטו.

## לשתף גם הילדים במבצע חינוך

און ווי גערעדט פריער, אַז וויבאלד ס'דארף זיין אַ פעולה פון קינדער - פון "נער ישראל ואוהבהו", בדוגמא צו די פעולה וואס מ'בעט ביי דעם אויבערשטן, דארף מען זען

אריינציען אויך קינדער ביז גאָר קליינע קינדער אין עבודת החינוך, וואָס דערצו זיינען שייך אויך קינדער.

## מעלת טבע הילדים בנוגע לחינוך אחרים

וואָס קינדער האָבן דאָך בטבע אַז יעדער זאַך וואָס זיי טוען, טוען זיי דאָס מיטן גאַנצן וועזן, מיט זיין גאנצע מציאות, און ביי אים איז ניטא אַ מציאות פון טאָן אַ זאַך מצד א זייטיקע כוונה, וואָרום אַז ער האָט אַ זייטיקע כוונה, טוט ער דעם זייטיקן ענין, ער האָט ניט קיין שייכות צו דיפלאַמאַטיא, און צו אט די אלע ענינים וואס זיי קומען מצד דערויף וואָס "וידעו כי ערומים הם", וואָס דאָס איז אַן ענין וואָס שטאַמט פון דעם נחש, משא"כ א קינד האָט ער אין זיך דעם טבע התמימות, איז בשעת ער וויל אַ זאַך, שרייט ער בקול גדול אַז ער וויל די זאַך, און אז ער טוט אַ זאך, טוט ער דאס אינגאנצן, אן קיינע זייטיקע ענינים בזה.

און בטבע האָט ער אין זיך די תנועה אַז ער וויל זיך חבר'ן מיט קינדער וואָס זיינען בגילו, אַדער מער ווייניקער אין זיינע יאָרן, און ער וויל זיי דערציילן מיט התפעלות אט דאָס וואָס ער האָט זיך ערשט דערוואוסט - אויב זיי וויסן ניט דערפון, וואָס דערפאר איז דורך דערויף איז לייכט מאַכן פון אים אַ מחנך, אַז ער זאָל משפיע זיין אויף די קינדער בסביבתו, און געבן אים אַזוינע ענינים וואס ער ווייסט נאָך ניט, איז מצד דערויף וואָס ביי אים וועט דאס זיין אַ חידוש, וועט ער דערפון גלייך אין אַ התפעלות, און ער גייט גלייך אוועק מפרסם זיין וועגן דערויף צו אַלע זיינע חברים, אָדער אַ מיידל צו אַלע אירע חבר'טעס, וואָס אָט דאָס איז פון די ריכטיגע פעולות אין חינוך, וואָרום דאס זיינען דברים היוצאים מן הלב.

*

## נתינת פרסים לילדים המתעסקים בזה

וואָס דאָס איז די צווייטע נקודה, און דערנאך קומט די דריטע נקודה, וואָס מ'האט גערעדט מער בארוכה בשבת העברי, וואָס דאָס איז אַז אַזוי ווי לויט פירוש המשניות להרמב"ם אז כדי א קינד זאָל וועלן לערנען, גיט מען אים ענינים פון ממון וכו', ווי מ'זעט דאס אויך בנוגע צו גדולים, אז די גמרא זאָגט אַ כלל אז "קנאת סופרים תרבה חכמה", אע"פ וואָס לכאורה טוט זיך דאס מצד הקנאה, עד"ז איז אויך דא דער ענין וואָס מ'גיט פרסים, ע"ד ווי די משנה" זאַגט אַז ס'איז דאָ אַן אופן העבודה ע"מ לקבל פרס, און מ'דארף אָנקומען צו אַ דבר משנה אז אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב ע"מ לקבל פרס, און די משנה שטייט ניט אין אַ משנה פון אלע מסכתות, נאר דוקא אין מסכתא אבות, וואָס די גמראיי טייטשט דאָס אָפּ, אז דאָס איז אן ענין - אין תורה גופא - פון הידור, לפנים משורת הדין, וואָס דערפאר ווערט דאָס אָנגערופן "מילתא דחסידותא", וואָרום מצד עצם ענין הדין איז ווי די גמראיי פסק'נט אָפּ, און (ווי גערעדט פריער) דער רמב"ם ברייגנט דאָס לפסק הלכה, אז ס'דארף זיין דער לימוד שלא לשמה, ומתוך שלא לשמה בא לשמה, ווי דער אַלטער רבי ברייגנט דאָס אויך אַראָפּ אין הל'

ת"ת שלומי סיי בנוגע צו לימוד התורה, סיי בנוגע צו לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצוות שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה, ווי ער איז מחלק אין קו"א" וואָס אין כאן המקום להאריך בזה.

וואָס דערפֿאַר וואָלט מען געדאַרפט גלייך קובע זיין פרסים ספעציעל פאַר די קינדער וואָס מ'ציט זיי אריין אין עבודת החינוך, וכאמור לעיל אַלע קינדער וואָס זיי זיינען פאַר בר מצוה אָדער פאר בת מצוה, בעט מען און מ'איז מציע, און מ'איז מפציר, און מ'איז לוחץ, אַלע ערלעיי לשונות, אז יעדער פון זיי זאל באַקומען דריי מטבעות, כל אחת - אָדער בשוה פון אחד, אָדער בשוה פון עשר, און מ'זאל זיי מסביר זיין אַז איינע זאָלן זיי אָפּגעבן אויף צדקה, און די אנדערע צוויי איז דאס דערפאר וואָס זיי וועלן זיך משתדל זיין אין ענייני וזינוך, בנוגע צו זייערע חברים אָדער מיידלאך בנוגע צו זייערע חבר'טעס, ועד"ז פרסים אין אַן אופן המתאים פאַר די גדולים בשנים, וואָס דארפן אנקומען צו א פרס כדי זיי זאלן טאָן אין דערויף מיטן גאנצן מרץ המתאים.

# הוספת עוד ששה פסוקים ומאחז"ל

משיחת תהלוכת ל"ג בעומר, ה'תשל"ו

בשנה זו, תשל"ו, ל"ג בעומר לא היה ביום ראשון. אבל באופן מיוחד וחריג, היתה תהלוכת לג בעומר בהשתתפות רבינו, וזאת בגלל היותה שנת החינוך. בעת התהלוכה הכריז רבינו על ששה פסוקים ומאחז"ל נוספים, שהילדים ילמדו וידעו אותם היטב, וגם ילמדו אותם לאחרים.

## השליחות הזכות והאחריות של הילדים לחנך אחרים

דערפון פאַרשטייט מען די גרויסע שליחות, און דעם גרויסן זכות און אחריות וואָס ליגט אויף תלמידים:

זיי זיינען אַזוי ווי תלמידים פון רבי עקיבאַ'ן. זיי זיינען די אין וועלכע ס'הייגנט אָפּ אויפבויען אַ וועלט - וואָס אַזוי איז זי פוסט און וויסט - אַז זי זאָל ווערן אַ וועלט ווי עס דאַרף צו זיין,

און דורך זיי זאָלן איבערגעגעבן ווערן די גרעסטע און טיפסטע געדאַנקען פון תורה (פון אָנווייזונג און לערנען) פאַר זיי אַליין, און דורך זיי, צו די אַלע וואָס געפינען זיך אַרום זיי - ווי מ'זעט אַז ווען רשב"י איז געשטאַנען אויף דעם העכסטן שטאַנד (אין דעם העכסטן דיגרי) פון זיין לעבן, האָט ער אויסגעקליבן אויסצייכענען דאָס (ווי ער אַליין זאָגט) מיט איבערגעבן זיינע תלמידים די זאַכן וואָס ער האָט געוואוסט, נאָר ער האָט דאָס געוואוסט ביי זיך אין האַרצן, און ווי ער זאָגט דאָרטן אַז מ'זאָל דאָס אויכעט פאַרשרייבן, און איבערגעבן די דורות נאָך דערויף.

וואָס בכללות איז דאָס (ווי געזאָגט פריער) דער ענין פון חינוך (ערציאונג), וואָס אמת'ע ערציאונג איז דאָך ניט נאָר אַז מ'זאָל וויסן מערער, נאָר אַז דער וויסן זאָל דערנאָך איבערגעזעצט ווערן, זאָל איינווירקן אויף דער אויפפירונג - אַ נייע גוטע אויפפירונג .

און אָט די שליחות, און דער זכות, און די כחות, האָט מען געגעבן צו די תלמידים פון רבי עקיבא'ן, און דערנאָך צו די תלמידים פון רשב"י, און זיי האָבן דאָס דערנאָך איבערגעגעבן צו אַלע תלמידים - נאָך דערויף וואָס זיי האָבן געעפנט און דורכגעטראָטן די וועג - אַז יעדער תלמיד און תלמידה (יעדער אינגעלע און מיידעלע), אַז ער וועט אָנשטרייַנגען זיך, און וועט וועלן נאָכגיין אין זייערע טריט, וועט ער קענען לעבן לויט זייערע אָנווייזונגען, דורך ערציען זיך, און ערציען די חברים און חבר'טעס, און ערציען דעם גאַנצן אַרום - אויפבויען די וועלט (ווי גע׳זאָגט פריער), און אויפבויען דעם אַרום זיך, ביז עס וועט זיין ברכה און חיים עד העולם.

## מעלת ידיעת הפסוקים בע"פ

וויבאַלד אַז מ'דאַרף האָבן אַז יעדער טאָג זאָל מען אויפטאָן אַ גוטע זאַך (ווי גערעדט פריער), אָנהויבענדיק פון דעם ערציען זיך, און דעם אַרום זיך - האָט מען פאָרגעשלאָגן, און געבעטן ביי אַלעמען, אַז מ'זאָל אויס'חזר'ן ענינים פון תורה אויף אויסענווייניק, כדי אַז אפילו אויב מ'האָט ניט לעבן זיך אַ ספר אויף אַריינקוקן אינעווייניק, זאָל מען קענען פון זכרון - וויבאַלד אַז מ'האָט דאָס אויסגעע'חזר'ט - דערמאָנען זיך וואָס ס'שטייט אין תושב"כ און אין תושבע"פ, וויניקסטנס איין פסוק, איין מאמר חז"ל, און וואָס מערער איז אַלץ בעסער, און דערנאָך איבערזעצן דאָס אין דער אויפפירונג פון זיך אַליין און פון דעם אַרום זיך.

## יש להוסיף עוד ששה פסוקים

ווי גערעדט פריער אַז ס'דאַרף צוקומען אַלץ מערער און מערער, איז אין צוגאָב צו די פסוקים און מאמרי חז"ל, וועגן וועלכע ס'האָט זיך גערעדט ביז איצטער אויף אויס'חזר'ן אויף אויסענווייניק, איז אַ גלייכע זאַך אַז מ'זאָל אויס'חזר'ן וויניקסטנס נאָך צוויי פסוקים, און צוויי מאמרי חז"ל, און אויך צוויי מאמרים פון דעם אַלטן רבי'ן, וועגן וועלכע ער שרייבט אין פרק **ל"ג** (דריי און דרייסיקסטן פרק) פון זיין ספר התניא.

## הפסוקים יאירו את החיים היום יומיים

בשעת אַז מען וועט דאָס וויסן אויף אויסענווייניק, צוזאַמען מיט די ענינים און די מאמרים וואָס מ'האָט אויסגעע'חזר'ט ביז איצטער, וועט דאָס באַלייכטן דעם טאָג טעגליכן לעבן פון דעם תלמיד און די תלמידה, אַז זיי זאָלן נאָך מערער טאָן אין ליכטיג מאַכן מיט "נר מצוה ותורה אור", מיט תורה און מצוות און אידישקייט, אַז די וועלט זאָל ניט זיין קיין "עולם שמם", נאָר אַ וועלט אויף וועלכע דער אויבערשטער וועט זאָגן אַז דאָס איז זיין דירה.

## פסוקים שיש להם שייכות ישירה לחיי היום יום

וואָס דערפאַר איז דער פאָרשלאָג און די בקשה אַז מ'זאָל צוגעבן - צו די ענינים וואָס מ'האָט שוין אויסגע'חזר'ט ביז איצטער - די פסוקים און מאמרים וואָס האָבן אויך אַ דירעקטע שייכות צו דעם טאָג טעגליכן לעבן:

## בראשית – הקב"ה הוא בעה"ב על העולם

מען זאָל מוסיף זיין דעם פסוק וואָס איז דער ערשטער פסוק פון תורה שבכתב - "**בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ**", אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט: די הימלען מיט אַלץ וואָס עס געפינט זיך אויפן הימל, און די ערד מיט אַלץ וואָס געפינט זיך אויף דער ערד.

וואָס דאָס האָט אַ דירעקטע שייכות מיט דער טאָג טעגליכער אויפפירונג וואָרום אַ קליינער אינגעלע אָדער אַ קליינע מיידעלע, אָדער אפילו ערוואַקסענע מענטשן, קענען זיך דערשרעקן אַז מ'דערזעט אַ גרויסע וועלט אַרום זיך, און אין דער וועלט זיינען דאָ זאַכן וואָס זיינען ניט ווי ס'באַדאַרף צו זיין, ווי דער לשון הגמרא "עולם שמם", אַ וויסטע וועלט. דערמאָנט דער פסוק אַז די וועלט האָט אַ בעה"ב וואָס ער האָט איר באַשאַפן, און דאָס איז דער אויבערשטער, און דער אויבערשטער האָט געגעבן די תורה מיט וועלכע מ'קען פירן די וועלט, און מ'קען דורך דערויף אויפטאָן אין "את הארץ" - אין אַלע זאַכן וואָס זיינען דאָ אונטן אויף דער ערד, און אין "את השמים" - פועל זיין ביי דעם אויבערשטן אין הימל, ער זאָל געבן ברכה און הצלחה.

## ושננתם – להיות חדור תמיד בדברי תורה

און דערפאַר דאַרפן קינדער, תלמידים און תלמידות, קומען צו גיין צו זייערע עלטערן, און זאָגן זיי דעם צווייטן פסוק (וואָס זיי וועלן אויך איינ'חזר'ן אויף אויסענווייניק) וואָס קומט אין פאָרזעצונג פון דעם פסוק "שמע ישראל" וואָס דאָס איז דער פסוק "**ושננתם לבניך**"

און בעטן ביי דעם פאָטער ביי דער מוטער, אַז זיי זאָלן טאָן דאָס גרעסטע און בעסטע, אַז מ'זאָל לערנען תורה "לבניך" מיט די קינדער, און אויך "לבניך אלו התלמידים", מיט די אַלע מיט וועלכע מ'דאַרף לערנען נאָך אַ זאַך אין תורה,

און לערנען דאָס אין אַזאַ אופן אַז דאָס וועט זיין (ווי דער המשך און דער סיום פון פסוק) "**ושננתם לבניך.. בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך**", אַז מ'וועט דאָס לערנען און אויס'חזר'ן אויף אויסווייניק, און דאָס וועט איינגעקריצט ווערן אין האַרצן און אין קאָפּ, אַז סיי ווען די קינדער און די תלמידים און זייערע עלטערן וועלן זיך געפינען "בביתך", סיי ווען זיי וועלן זיין "בלכתך בדרך", אַז מ'וועט זיין אין וועג, סיי "בשכבך ובקומך" - אַז מ'וועט זיך לייגן שלאָפן מיט אַ וואָרט פון תורה, און מען וועט אויפשטיין מיט אַ אָנווייזונג פון תורה.

און בשעת קינדער וועלן דאָס פאַרלאַנגען ביי די עלטערן מיט האַרציקייט, ווי קינדער זיינען געוואוינט, איז אַ זיכערע זאַך אַז זיי וועלן אויספירן, און די עלטערן וועלן זיי אַריינגעבן זומער אין אַזוינע "מחנות", אין אַזוינע קעמפּס, וואָס דאָרטן וועט זיין אַ תורה רוח, און אַ תורה שטימונג, און אַ אויפפירונג ע"פ תורה. און אויך צו דער שנת הלימודים (צום לערן יאָר) - פאַרשרייבן זיי אַז זיי זאָלן לערנען אין אַ בית ספר און אין אַן אָרט וואו מ'לערנט תורה און מצוות און אידישקייט.

## יגעתי – לא להתפעל מקשיים

און אַז ס'וועט קומען צוגיין אַ קינד און וועט זיך באַטראַכטן, אַז ס'איז געוועזן אַמאָל אין זיין לעבן וואָס ער האָט געטאָן אַ זאַך ניט ווי ס'דאַרף צו זיין טאָר ער זיך ניט דערשרעקן, און ח"ו אַז דערפאַר זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן זיין שטאַרקייט אין טאָן, אין לערנען תורה אין מקיים זיין מצוות.

און אַז ער וועט פרעגן: סטייטש, ס'איז דאָך געוועזן אַמאָל ווען ער איז דורך געפאַלן?!

וועט ער אויס'חזר'ן דעם מארז"ל וואָס די גמרא זאָגט אַז "**לא יגעתי ומצאתי אל תאמין**": אויב ער האָט ניט געפונען ביי זיך די כוחות (די שטאַרקייט) אויף פירן זיך ווי ס'דאַרף צו זיין, לויט תורה און אידישקייט, איז דאָס אַ זיכערע זאַך אַז ער האָט זיך ניט אָנגעשטריינגט ווי מ'דאַרף זיך אָנשטריינגען, וואָרום (ווי ער איז מסיים אין דעם צווייטן העלפט פון דעם מארז"ל, אַז) "**יגעתי ולא מצאתי אל תאמין**"; "**יגעתי ומצאתי תאמין**" - אויב ער וועט זיך נאָר אָנשטריינגען, איז אַ זיכערע זאַך אַז ער וועט געפינען.

## ואהבת

און ווי געזאָגט פריער אַז מ'דאַרף זיך ניט באַגנוגענען מיט זיך אַליין, נאָר מ'דאַרף טאָן די זעלבע זאַך אויך מיט חברים און מיט חבר'טעס, מיט דער סביבה און מיטן גאַנצן אַרום - זאָגט מען אַז דאָרטן דאַרף ער אויך טאָן מיט די גאַנצע לעבעדיקייט, און מיט די זעלבע האַרציקייט, און מיט דער זעלבער יגיעה, ווי רבי עקיבא זאָגט אין אַ צווייטן מארז"ל: "**ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה**", אַז ער דאַרף ליב האָבן דעם חבר, אָדער אַ מיידעלע איר חבר'טע, און אַזוי אַלע אַרום זיך, און דאָס דאַרף זיין "כמוך", אַזוי ווי מ'האָט ליב זיך אַליין, און אויף דעם זאָגט רבי עקיבא אַז דאָס איז אַ גרויסער כלל אַן עיקר'דיקער כלל אין תורה (אין לערנונג).

איז דאָך דערפון פאַרשטאַנדיק אַז פונקט ווי ס'דאַרף זיין "יגעתי" בהנוגע צו זיך, אַזוי דאַרף אויך זיין "יגעתי" בהנוגע צו דעם אַרום זיך.

## וזה – השליחות שלנו לעשות דירה בתחתונים

דערנאָך זאָגט מען איהם (ווי געזאָגט פריער) אַז דאָס איז די גרעסטע שליחות וואָס אַ איד קען האָבן, ווי דער אַלטער רבי שרייבט אין דער דריי און דרייסיקסטן פרק פון

זיין ספר התניא - וואָס דאָס איז אויך כדאי אויס'חזר'ן אויף אויסוויינִיק - "**אַז תכלית בריאתו**" (של האדם), דער צוועק און דער תכלית וואָס אַ מענטש איז באַשאַפן געוואָרן, און ווי ער זעצט גלייך פאָר "**ותכלית בריאת כל העולמות**", צוליב דערויף זיינען באַשאַפן געוואָרן אַלע וועלטן, איז - "**להיות לו דירה זו בתחתונים**", דורך אידישקייט, און דורך תורה ומצוות, ד.ה. אַז די כוונה פון בריאת העולם איז, כדי מ'זאָל מאַכן פון זיך, און פון דער אייגענער הויז, און פון דער גאַנצער וועלט, אַן אָרט וואָס דער אויבערשטער זאָל זיך דאָרטן געפינען פונקט ווי איינער געפינט זיך אין זיין אייגענע דירה.

## ישמח – מילוי השליחות בשמחה

און מ'דאַרף דאָס טאָן ניט ווי מ'טוט אַ זאַך וואָס איז אַן אָנזאָג, אָן אַ געשמאַק אין דעם, אָדער מיט אַ קליינעם געשמאַק נאָר ווי דער אַלטער רבי זאָגט דאָרט דערנאָך אַ צווייטן כלל אין אַ צווייטן מאמר - וואָס ס'איז אויך כדאי אים אויס'חזר'ן אויף אויסוויינִיק - אַז ס'דאַרף זיין "**ישמח ישראל בעושיו**", און ווי ער טייטשט דאָס אָפּ: "**פירוש שכל מי שהוא מזרע ישראל יש לו לשמוח בשמחת ה' אשר שש ושמח בדירתו בתחתתים**", אַז יעדערער וואָס געהערט צום אידישן פאָלק, אָן קיין אונטערשייד ווי זיין צושטאַנד איז געוועזן מיט אַ טאָג פריער, ווי זיין ערציאונג איז געוועזן מיט אַ טאָג פריער, אָדער אפי' מיט אַ מינוט פריער, וויבאַלד ער איז "מזרע ישראל", ער געהערט צום אידישן פאָלק, האָט ער די ספּעציעלע שליחות אַז ער דאַרף זיך פרייען "בעושיו", מיט די שמחה (מיט די פרייד) וואָס דער אויבערשטער האָט, בשעת מ'פירט אויס די שליחות אויף מאַכן פון זיך און פון זיין הויז און פון דער גאַנצער וועלט - אַ דירה פאַר דעם אויבערשטן, דורך אידישקייט און דורך תורה ומצוות.

ד.ה. אין אַנדערע ווערטער, אַז יעדער תלמיד ותלמידה, סיי אין יאָרן און סיי אין ידיעה, דאַרפן טאָן אין די אַלע זאַכן, דערפאַר וואָס צוזאַמען דערמיט ווייל צוליב דערויף זיינען זיי באַשאַפן געוואָרן און ס'זיינען באַשאַפן געוואָרן אַלע וועלטן, איז דאָ נאָך אַ צווייטער ציווי אַז אויב זיי וועלן זיך אַריינטראַכטן אין דערויף, וועלן זיי שטיין אין אַ שמחה גדולה, און מ'וועט דאָס טאָן מיט אַ גרויסע שמחה, און נאָכמערער דאָס איז ניט גאָר **זייער** שמחה, נאָר זיי פרייען זיך "בעושיו", מיט דער שמחה פון דעם **אויבערשטן**, וואָס ער האָט באַשאַפן את השמים ואת הארץ, און האָט אויסגעקליבן יעדערן מזרע ישראל, אַז ער זאָל מאַכן פון דער וועלט אַ דירה בתחתונים, אָנהויבנדיק פון קליינע קינדער אינגלאַך און מיידלאַך,

אַז זיי שטייען אין אַ שמחה גדולה, וויסנדיק אַז צוזאַמען מיט זיי - און דער ערשטער פרייט זיך דערמיט דער אויבערשטער, וואָס דעמולט טוט מען דאָס מיט אַ פריילעכקייט, און מיט אַ שטאַרקייט, און מיט אַ לעבעדיקייט, ובמילא - איז מען נאָך מער מצליח.

## י"ב הפסוקים יאירו את הדרך ויביאו שמחה וחיות

און ווי געזאָגט פריער אַז אָט די זעקס ענינים: די צוויי פסוקים, די צוויי מאמרי רז"ל, און די צוויי אָנווייזונגען פון דעם אַלטן רבי'ן - דאַרפמען איינקריצן אין זכרון, און צוזאַמען מיט די זעקס ענינים וואָס מ'האָט איינגע'חזר'ט פון פריער, וועט דאָס באַלייכטן די וועג, און צוגעבען שמחה און לעבעדיקייט, אויף דורכפירן די שליחות וואָס יעדער אידישע אינגעלע און מיידעלע האָט, אויף טאָן מיט זיך, און אויפטאָן מיטן אַרום, און אויפטאָן מיט דער גאַנצער וועלט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיין אַ דירה לו בתחתונים.

# תפקידן המיוחדת של נשים במבצע חינוך

משיחת כינוס של אגודת נשי ובנות חב"ד, כ"ג אייר, ה'תשל"ו

בשיחה זו לכינוס נשי ובנות חב"ד, עורר רבינו עוד פעם אודות הפעולות של מבצע חינוך, וגם ביאר איך שנוגעת ההנהגה עם הילד מהרגע שנולד, ואיך שתפקיד זה מוטל על הנשים בפרט.

## ע"י שינון הפסוקים הילדים חדורים בתורה

וואָס דאָס איז וואָס מ'האָט גערעדט אין די לעצטע צייטן אַז ס'דאַרף זיין אַ ספּעציעלע אָנשטריינגונג אַז יעדער אידישער קינד זאָל זיין דורכגענומען מיט תורה אין דעם גאַנצן טאָג, "בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך", עאכו"כ אַז דאָס דאַרף זיין ביי ערוואַקסענע אין יאָרן און ערוואַקסענע אין אידישקייט, ווי דער איינפאַכער טייטש אין דעם פסוק אַז דאָס גייט אויף יעדער איד, ביז ווי גערעדט אויך בנוגע צו פרויען און טעכטער - זאָגן דעם פסוק שמע ישראל, און מודה אני וכו', אַז מ'דאַרף געדיינקען אויף דעם אויבערשטן, וואָס דאָס איז דאָך איינע פון די זעקס מצוות וואָס יעדער איד - סיי מענער סיי פרויען, סיי גרויסע סיי קליינע - איז מחויב אין דערויף אין יעדער אָרט און אין יעדער רגע.

וואָס דערפאַר האָט מען מציע געווען די זעקס פסוקים ומאמרי רז"ל, און נאָך זעקס פסוקים ומאמרי רז"ל, און דער עיקר איז אַז יעדערער זאָל טאָן אַלץ וואָס ער קען אַז יעדער אידישער קינד און יעדער אידישער ערוואַקסענער, זאָל ביי אים זיין דער גאַנצער טאָג דורכגענומען מיט תורה.

און כדי אַז אין דערויף זאָל זיין אַ הצלחה אין גאָר אַ גרויסן מאָס, איז דאָס דורך דערויף וואָס מ'גיט צו אין דעם ענין פון צדקה.

## חינוך מגיל צעיר ביותר

### תליית שיר המעלות

און ווי גערעדט אַז מ'דאַרף דאָס פועל'ן ביי גאָר קליינע קינדער, וואָס דעמולט וועט דאָך זיין "מפי עוללים ויונקים יסדת עוז גו' להשבית אויב ומתנקם", אַז דורך דעם וואָס מ'הויבט אָן אין די ערציאונג פון גאָר פיצלאַך קינדער, אַז ביי זיי זאָל זיין "יסדת עוז", וואָס "אין עוז אלא תורה", וואָס דאָס הויבט זיך אָן גלייך פון ווען ער ווערט געבאָרן, ווי גערעדט אַז דורך דעם וואָס מ'היינגט אויף אַ שיר המעלות גלייך פון ווען ער ווערט געבאָרן, ווי גערעדט אַז דורך דעם וואָס מ'היינגט אויף אַ שיר המעלות גלייך ווען אַ קינד ווערט געבאָרן, איז די ערשטע זאַך וואָס ער דערזעט, איז דאָס אידישע אותיות, און אותיות וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דוד המלך (וואָס זיין יום הסתלקות איז דאָך שבועות), וואָרום שיר המעלות איז דאָך פון ספר תהלים וואָס דאָס איז פון דוד המלך .

### לימוד תורה צוה כו'

און דערנאָך בשעת מ'קען שוין לערנען מיט אים, הויבט מען אָן לערנען מיט אים "תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב", און אַזוי ווייטער, ביז אַז מ'איז זוכה און מ'איז מצליח צו ערציען אים אויף אַזאַ אופן אַז ער ווערט אַ פולשטענדיקער איד, מיט אַלע פרטים.

### עי"ז נעשה 'להשבית אויב ומתנקם'

און בשעת מ'הויבט אָן ערציען קינדער ווען זיי זיינען נאָך עוללים ויונקים, דעמולט פועל'ט מען אַז ס'ווערט "להשבית אויב ומתנקם", ניט נאָר אַז דער אויב ומתנקם קען ניט אויספירן דאָס וואָס ער טראַכט, נאָר ער ווערט אויס אויב ומתנקם, וואָרום דער אויבערשטער פאַרבויגט און פירט אָן מיט זייער מחשבה - "לכל אשר יחפוץ יטנו", במילא טראַכטן זיי אין אַ גוטע ריכטונג, און אין אַ גוטע וועג.

# מפי עוללים ויונקים יסדת עוז להשבית אויב ומתנקם

משיחת י"ג תמוז ה'תשל"ו

התוועדות זו התקיימה ימים ספורים אחרי אירוע אנטבה, ורבינו דיבר בארוכה אודות הכח והפעולה של הילדים 'להשבית אויב ומתנקם', ושהפעולה שלהם היא עיקר ההגנה. גם נתן רבינו עוד הוראות פרטיות בנוגע להדפסת י"ב הפסוקים ומאחז"ל.

## להשבית אויב ומתנקם באופן שאין עוד מציאות של אויב

ווי גערעדט פריער אַז דער ענין פון בטחון איז ניט נאָר אַז אויב ס'וועט ח"ו טרעפן נאָך אַן ענין כדוגמתו, זאָל מען זיין צוגעגרייט און וויסן וואָס מ'דאַרף דעמאָלט טאָן, נאָר דער בטחון איז דאָך אויף מפחיד זיין דעם אויב, ס'זאָל זיין "תפול עליהם אימתה ופחד בגדול זרועך ידמו כאבן, אַז מ'דאַרף נעמען די מיטלען פון בטחון אין אַן אופן אַז מלכתחילה זאָל ווערן דער "להשבית אויב ומתנקם", ווי ס'שטייט דער טייטש פון "יום השבת" אַז דאָס איז שביתה פון מזיקים, עד"ז בנדו"ד, אַז ס'ווערט אויס מציאות פון אויב ומתנקם.

## העצה לזה היא 'מפי עוללים ויונקים יסדת עוז'

וואָס די עצה דערצו איז, כמדובר כמה פעמים אַז ס'דאַרף זיין "מפי עוללים ויונקים יסדת עוז", וואָס דאָס פועל'ט דעם "להשבית אויב ומתנקם".

וכידוע וואָס דער בעל השמחה והגאולה האָט געזאָגט אין דעם מאמר פון פורים קטן וואָס שנת המאסר והגאולה איז דאָך אויך געווען אַ שנה מעוברת אַזוי ווי הייניטיקער יאָר, איז אין דעם פורים קטן שלפנ"ז, האָט ער געזאָגט אַ מאמר ברבים אין דער

שטאָט וואו ס'איז געווען דער מקור פון די גזירות וואָס האָבן דערנאָך געבראַכט צו דעם מאסר, און ער האָט געזאָגט דעם מאמד מיט אַ פייער, און מיט אַ מס"נ, כידוע די באַשרייבונג פון דעם מעמד ומצב וואָס איז דעמאָלט געווען אין דעם ביהכנ"ס] - וועגן דעם ענין פון "מפי עוללים ויונקים יסדת עוז להשבית אויב ומתנקם".

און אין דעם מאמר גופא האָט ער אַריין געשטעלט אַ קס"ד, אַז לכאו' אויף מלחמה האָבן מיט אַן אויב ומתנקם דאַרף מען דאָך האָבן תכסיסי מלחמה, און מ'דאַרף האָבן אנשים יוצאי צבא בישראל, איז וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צו עוללים ויונקים? און ער פאַרענטפערט אַז דאָס איז דערפאַר וואָס יסדת עוז, וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט "אין עוז אלא תורה".

וכמדובר כמ"פ אַז אַ קס"ד פון תורה איז אויך אַן ענין אין תורה, איז דאָך ניט פאַרשטאַנדיק צוליב וואָס דאַרף ער ברענגען דעם קס"ד אין אַ מאמר חסידות, וואָס דאָס איז פנימיות התורה, וואָס אויף פנימיות התורה זאָגט ער דאָך אין זהר און ער ברענגט דאָס אַראָפּ אין אגרת הקודש אַז לית תמן לא קשיא ולא מחלוקת, איז ווי קומט אַ קושיא מיט אַ קס"ד אין פנימיות התורה, ס'איז דאָך עץ חיים היא, זאָגט מען גלייך דעם אמת?

## צריך להיות גם ענין יוצאי צבא

נאָר דאָ זעט מען בגלוי ווי אַזוי דער קס"ד איז אויך אַן ענין, אַז נאָך דערויף וואָס ס'איז דאָ דער מפי עוללים ויונקים יסדת עוז, דאַרף מען האָבן אויך דעם מורא "להשבית אויב ומתנקם", אַז ס'זאָל זיין יוצאי צבא בישראל, בדוגמא ווי ס'איז געווען דעמאָלט אַז כדי ס'זאָל זיין דער מפי עוללים ויונקים יסדת עוז, וואָס אין עוז אלא תורה, האָט מען ביחד עם זה געמוזט האָבן די וואָס האָבן מיסד געווען די חדרים, ביז צו דעם בעל השמחה והגאולה, מ'האָט געמוזט האָבן מלמדים, מ'האָט געמוזט האָבן געלט אויף אויסהאַלטן די חדרים, מ'האָט געמוזט האָבן די אַלע תכסיסים אַז מ'זאָל קענען לערנען אע"פ וואָס בגלוי האָט מען ניט געלאָזט וכו',

## עיקר הפעולה והנצחון הם ע"י העוללים ויונקים

וואָס די אַלע ענינים האָבן עוללים ויונקים ניט געקענט טאָן, אויף דעם האָט מען געמוזט האָבן דוקא בעלי דעה, בעלי מסירות נפש, בעלי תכסיסי מדינה וכו', וואָס דערפאַר זאָגט ער אין דעם מאמר אַז ס'איז דאָ די קס"ד, וואָרום מ'דאַרף דאָך אויך האָבן דעם ענין הטפל די וואָס מאַכן דעם גאַנצן אַרום, וואָס דאָס קענען עוללים ויונקים ניט טאָן, אָבער אין וואָס באַשטייט דער עיקר הפעולה פון להשבית אויב ומתנקם, טוט זיך דאָס אויף דורך עוללים ויונקים.

וכידוע וואָס דער בעל השמחה והגאולה איז מבאר אין די המשך פון מאמרים פון יום הילולא יו"ד שבט, אַז דער נצחון המלחמה בפועל טוט זיך אויף דורך אנשי הצבא, אע"פ וואָס די מעדאַלן און די אותות הכבוד וכו' גיט מען דערנאָך די מפקדים. וואָס די

אנשי הצבא דאָ, זיינען די עוללים ויונקים, וואָס דורך זיי ווערט דער יסדת עוז להשבית אויב ומתנקם.

## מבצע תורה מיד כשהתינוק מתחיל לדבר

וואָס דאָס איז אויך ווי געדעדט פריער, אַז אמיתית ענין הבטחון איז, אַז ס'זאָל זיין דער אימתה ופחד אין אַן אופן אַז ס'זאָל מלכתחילה ניט קומען ביי אימעצן אַ מתשבה פון היפך הטובה אויף טראַכטן וועגן נאָכאַמאָל עד"ז וכו', איז די עצה דערצו, ס'זאָל זיין דער "מפי עוללים ויונקים יסדת עוז" דער מבצע תורה, וואָס דאָס הויבט זיך אָן פון גדיים, ביז אַז גלייך משהתינוק מתחיל לדבר, הויבט מען שוין אָן לערנען מיט אים "אין עוז אלא תורה" - תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב.

## עי"ז יהיה לא רק 'ללמוד' אלא גם 'ללמד'

און אויף דערויף זאָגט מען "יסדת", דאָס לייגט דעם יסוד אַז דערנאָך וועלן די גדיים ווערן תיישים, און ס'וועט ווערן דערפון ניט נאָר תורה ללמוד, נאָר אויך ללמד, וואָס דעמאָלט ווערט דאָס אָנגערופן תורת חסד, כמבואר אין מדרשי רז"ל.

וואָס דאָס הויבט זיך אָן דערפון וואָס ס'איז דאָ דער יסדת עוז ביי קליינע קינדער, אָנהויבנדיק פון משהתינוק מתחיל לדבר לערנט מען מיט אים "תורה צוה לנו משה", וואָס דער צוגרייטונג דערצו איז די הנהגה מיט אים נאָך פון פריער, און דערנאָך קומט דער המשך, ביז אַז ער איז אַ טופח ע"מ להטפיח, אַז ער ווערט אַ מחנך פון עוללים ויונקים.

## שהילד יהי' מחנך כשהוא עדיין עולל ויונק

און דערנאָך זאָגט מען נאָך מער, אַז אויך בשעת ער איז נאָך אַן עולל ויונק, דאַרף ער שוין ווערן דעמאָלט אַ מחנך.

*

# חוברות הי"ב פסוקים

## שיהיה מקום לכתוב לה' הארץ ומלואה ושמו

ועד"ז אויך אין די חוברות פון די י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל וכו', וואָלט געווען כדאי אַז בשעת מ'וועט זיי איבערדרוקן נאָך אַמאָל, זאָל דאָרטן זיין אַ מקום פנוי, אָדער אַן עמוד, וואָס דער קינד וועט קענען אַריינשרייבן בנוסח הידוע אַז "לה' הארץ ומלואה", און דערנאָך זאָל ער שרייבן "מספרי" פון דעם קינד (אַ אינגעלע אָדער אַ מיידעלע).

שיהיה מקום לרשום על מי השפיע ללמוד י"ב הפסוקים, ועניני תורה ומצוות בכלל

און ס׳זאָל אויך זיין אַ מקום פנוי (אָדער אויף דעם זעלבן עמוד אָדער אויף אַן אַנדערע עמוד) וואָס דאָרטן זאָל ער קענען צושרייבן אַז ער האָט משפיע געווען אויף פלוני בן פלוני, אָדער אויף פלונית בת פלוני, אַז זיי זאָלן אויך חזר׳ן די י״ב ענינים, אָדער אַז מ׳וועט לערנען תורה און מקיים זיין מצוות לפרטיהם.

און בשעת ער וועט האָבן די חביבות פון פאַרשרייבן דאָס על פנקסו, וועט ער זיך מערער קאָכן אין דערויף, וועט דאָס אַרויסקומען אין פועל אין אַן אופן פון המרבה ביז אין הרי זה משובח.

מוקדש לזכות

## כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו

אשר תורתו והוראותיו הן מקור חיים לכל באי עולם

לעילוי נשמת

## ר' ישראל בן ר' שניאור זלמן הלוי
## ומרת רחל בת ר' שניאור זלמן יששכר געצל הלוי ע"ה

מוקדש ע"י

## משפחת דוכמן שיחיו

לחיזוק התקשרות

## אל כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו

משרד החינוך
OFFICE OF EDUCATION

SUITE|302